

יצחק לאווי

# "נהמא דכיסופא"

## ווען דער נברא ווערט א בורא

– א –

### הקדמה

צווישן די מושגים וואס יעדער איינער ווייסט צו זאגן און ווייניג ווייסן צו פארשטיין, געפונט זיך דער געדאנק פון "נהמא דכיסופא", אדער, "ברויט פון בושה." אזוויי רוב געדאנקען אין ענינים העומדים ברומו של עולם, אינטערעסירט זיך יעדער איינער אין דעם, און יעדער בחור'ל ווייסט איבערצוזאגן ווערטער וויאזוי ער האט דאס געכאפט. אבער רוב מענטשן נעמען נישט די מי און צייט דורכצוטראכטן און דורכצוטון וואס זיי מיינען בעצם, אדער וואס זיי דארפן צו מיינען, קל וחומר אז מען פרעגט נישט פון וואנעט דער געדאנק קומט, צי עס איז א דבר מוסכם, צי עס שטימט, וכו'.

אין דעם ארטיקל וויל איך אביסל דורכשמועסן די נושא. נישט אז איך קום צו פארענטפערן אלע קשיות וואס מען קען פרעגן אין דעם עומק הנושא, אדער צו ברענגען אלע מראי מקומות וואס זענען שייך, ווייל נאך אלעם וועלן בלייבן שוועריקייטן, און נישט יעדנס פארשטאנד איז די זעלבע לגבי די סארט נושאים. אמאל איז א זאך וואס איז פאר איינעם שטארק מתקבל על הדעת, הערט זיך צו א צווייטן ווי א מאדנע נארישקייט. בסך הכל איז מיין ציל דא אז מען זאל ארויסקומען מיט א ברייטערע און טיפערע פארשטאנד וואס מען מיינט בעצם ווען מען הערט די ווערטער "נהמא דכיסופא", און וואס עס ליגט הינטער דעם, ותן לחכם ויחכם עוד.

דער געדאנק, ווי עס קען עס יעדער איינער, גייט בערך אזוי: פארוואס האט דער אויבערשטער

באשאפן די וועלט? כדי צו געבן גוטס פאר נבראים. דער גוטס דאס איז דער שכר וואס מען באקומט אין עולם הבא אויף דער עבודה וואס מען טוט אין דער וועלט. אויב אזוי, שטעלט זיך די פראגע, פארוואס פעלט אויס דעם מיטלסטן שטאפל, זאל דער אויבערשטער פשוט געבן שכר, און שוין. אויף דעם ענטפערט מען "נהמא דכיסופא" - דאס הייסט אז א מענטש באקומט א טובה בחינם שעמט ער זיך, און דער אויבערשטער האט געוואלט אז מיר זאלן האבן שכר מיט דעם געפיל אז מיר האבן באצאלט דערפאר, און אן די בושה, ממילא האט דער אויבערשטער געמאכט קודם דער עולם הזה וואו מענטשן מוזן טון אן עבודה, און דערנאך קענען זיי באקומען דעם שכר, וואס איז בעצם די מטרה לכתחילה, אז מ'זאל עס באקומען מיט א גוטן געפיל, אן נהמא דכיסופא.

פארשטייט יעדער איינער אז אויף דעם געדאנק ווי עס איז קען מען פרעגן אן א שיעור פשוט'ע קשיות. צום ביישפיל, ווער זאגט אז די סיבה פארוואס עס איז דא די גאנצע וועלט איז אז די פאר מענטשן דא אויף דעם פלאנעט זאלן טון אין עבודת השם? וואס מיינט דאס בכלל? וואס האט דער אויבערשטער פון דעם גאנצן שפיל? און וואס פעלט עס אויס בכלל? און ווער דען האט געמאכט די טבע פון בושה אויב נישט ער? זאל דער אויבערשטער פשוט באשאפן א וועלט אן די טבע פון בושה און עס וועט נישט אויספעלן דעם גאנצן אומוועג כדי צו געבן שכר פאר מענטשן? איז לאמיר גיין צוביסלעך צו ברענגען אביסל מער הבנה.

## - ב -

## פארוואס האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט: ביאור השאלה

**"שחקרו חכמים ראשונים ואחרונים, לדעת סיבת בריאת העולמות, לאיזה סיבה היתה." (עץ חיים שער עיגולים ויושר ענף א)**

אריסטו האט געלערנט (אין זיין בוך מעטאפיזיק), ווי עס ווערט געברענגט אין ספרים מיט א סימן "חפצ"ת", אז יעדע זאך האט פיר סיבות: ח'ומר, צ'ורה, פ'ועל, ת'כלית. דאס הייסט אויף יעדער זאך פון דער וועלט קען מען פרעגן פיר שאלות. א) פון וואס איז עס געמאכט געווארן? למשל א טיש איז געמאכט פון האלץ. ב) וואס איז דער פארעם וואס מאכט די זאך דאס וואס עס איז? למשל א טיש איז א ברעט מיט פיר פיס און נישט סתם א שטיק האלץ [די סיבה האט צוטון מיט דער טעאריע פון פארעמס שאכ"מ]. ג) ווער האט דאס געמאכט? למשל דער סטאליער האט געבויט דעם טיש. ד) פארוואס האט ער דאס געמאכט? אדער, וואס איז דער תכלית דערפון? למשל א טיש איז געמאכט צו זיצן דערביי.

פארשטייט זיך אז רוב מענטשן וואס טרעפן זיך אויף דער וועלט ווילן פארשטיין וואס דאס איז די וועלט, און ער וויל וויסן פון וואנעט עס קומט, און ווער האט דאס געמאכט, און וואס עס איז דער תכלית דערפון. ווי אברהם אבינו האט געפרעגט ווען ער איז געקומען לכלל דעת.

יעצט אז מיר גלייבן אין מציאות הבורא און אין חידוש העולם, מיינט דאס אין אנדערע ווערטער אז אויף דריי פון די פיר שאלות האבן מיר שוין דעם תירוץ. דער חומר פון וואנעט די וועלט קומט איז גארנישט, וויבאלד עס איז דאך יש מאין. (צורה וועלן מיר אפלאזן דא, ווי פריער דערמאנט אז דאס האט מיט אריסטו'ס טעאריעס.) דער פועל איז דאך דער גאט. בלייבט נאר איבער די פערטע שאלה, וואס איז דאס דער תכלית פון דער וועלט.

נאך מער ווערט שווער די שאלה דווקא נאכדעם וואס מיר גלייבן אין חידוש העולם, וואס דאס מיינט אז גאט האט באשאפן די וועלט פון זיין אייגן ווילן אין א געוויסער צייט. קודם איז עס נישט געווען און יעצט איז עס דא. ווערט דאך נאך מער שווער, וויבאלד די פשוט'ע הנחה איז אז קיינער מאכט נישט א זאך ברצונו אן דעם וואס עס זאל האבן א תכלית. (משא"כ טאמער וואלט די וועלט געווען קדמון, האט דאך עס קיינער נישט געמאכט ביי א געוויסן פונקט, איז דאך נישטא אויף וועמען צו פרעגן פארוואס.)

פאר א דריטער סיבה איז די שאלה וויכטיג, וויבאלד דער תכלית פון א זאך איז דאך דער תפקיד פון דער זאך און דער משמעות דערפון. ווי אין דעם משל פון דעם טיש, דער תכלית פון דעם טיש איז אז מען זאל עס קענען נוצן צו עסן דערביי, און טאמער איז דא א טיש וואס מען קען נישט נוצן ווי מען נוצט א טיש, האט דער טיש קיין פשט נישט. דאס זעלבע ווען מענטשן פרעגן - ווי עס איז דער מער-מאדערנער נוסח פון דער שאלה וואס עס פרעגט זיך ווען מען עפענט די אויגן - וואס איז דער מיינונג פון עקזיסטענץ? וואס איז דער משמעות? וואס מיינט דאס אלעס? אין אנדערע ווערטער פרעגט מען די שאלה, וואס איז דער תכלית פון דער וועלט? דער תכלית איז דאך דער פשט פון דער וועלט. און לויט וויאזוי עס פארשטייט א מענטש דעם תירוץ אויף דער שאלה, אזוי וועט ער פראבירן צו פירן זיין לעבן אויף אן אופן וואס עס האט א משמעות. אין אנדערע ווערטער, די שאלה איז נישט נאר א מופשט'דיגע פילאזאפישע חקירה, נאר א פראקטישע לעבעדיגע חקירה וואס טייטשט זיך איבער אין דעם וועג וויאזוי א מענטש וועט פירן זיין לעבן. די תשובה וואס א מענטש נעמט אן, אפילו טאמער איז זי נישט ריכטיג אדער ריכטיג אינגאנצן, איז משפיע אויף זיין גאנצן בליק און משמעות אין זיין לעבן.

- ג -

## דברי חז"ל ודעת הרמב"ם: בריאת העולם למענו ית'

אין די דברי חז"ל טרעפן מיר אסאך מאמרים וואס רעדן לכאורה ארום וועגן דער סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, ווי למשל, "בראשית, בשביל התורה שנקראה ראשית ובשביל ישראל שנקרא ראשית." אדער אזוינע מאמרים בנוסח, "כל העולם לא נברא אלא וכו'." עס איז נישט דא דער פלאץ צו מעיין זיין און חוקר זיין אין יעדן פסוק און מאמר חז"ל וואס עס מיינט און צו וועלכער שיטה עס שטימט בעסער, וואס דאס דארף אסאך עיון אינעווייניג און לויט אלע צדדים. איך וויל נאר מציין זיין א חשוב'ער מראה מקום וואס איז דער שענסטער עוסק אין דער נושא פון דער בחינה, וואס דאס איז הרב אריה קאפלאן ז"ל, אין זיין ספר "מורה אור", שער א'.

דער רושם וואס מיר האבן פון רוב מאמרי חז"ל, איז אז דער תכלית פון דער בריאה איז כדי עס זאלן זיין אידן אדער מענטשן וואס זאלן דינען דעם אויבערשטן. איין זאך קענען מיר אבער פארשטיין, לויט וואס מיר האבן מסביר געווען אין דעם פריערדיגן אות, אז עס איז למעשה דא א חילוק אין וועלכער מדרגה מען רעדט. דהיינו, עס קען זיין אז איינער זאל זאגן אז דער תכלית, דער משמעות, פון דעם מענטש איז צו טון עבודת השם, און אין דעם מובן זאגט ער אז דאס איז דער תכלית פון דער וועלט. אבער ער מיינט נישט ממש אז דאס איז דער תכלית פון דער וועלט מצד דעם בורא וואס האט באשאפן די גאנצע וועלט. ער רעדט נאר צו דעם מענטש אין א געוויסן צושטאנד און זאגט אז דיין תפקיד פון עקזיסטענץ יעצט איז צו טון אזוי און אזוי, און בדרך הכללה זאגט ער אז דאס איז דער תכלית פון דער בריאה, וויבאלד וואו דער מענטש שטייט יעצט איז דאס טאקע אין דעם פרט דער תכלית. עס מיינט אבער נישט אז דאס איז דער תכלית האחרונה אדער תכלית הכי כללית פון דער בריאה. אזוי דארף מען לכאורה פארשטיין אסאך מאמרי חז"ל וואס לויפן אויף דעם נוסח פון "כל העולם לא נברא אלא וכו'."

מער דאס מסביר צו זיין, דארף מען ברענגען די ווערטער פון רמב"ם. דער רמב"ם (אין "מורה נבוכים", חלק א', פרק ס"ט) איז מסביר, אז ווען מען ענטפערט אז דער תכלית פון א זאך איז אזוי און אזוי, קען מען גלייך פרעגן, נו, און וואס איז דער תכלית פון דעם. ווי ער גיט א משל, אז מען זעט א שיינעם שטול, פרעגט מען, וואס איז דער תכלית פארוואס דער סטאליער האט דאס געמאכט? ענטפערט מען אז ער האט דאס געמאכט אז מען זאל קענען זיצן דערויף. און וואס איז דער תכלית פון זיצן דערויף? אז דער זיצער זאל אויסזען הויך און מכובד. און וואס איז דער תכלית פון דעם? כדי מענטשן זאלן אים מכבד זיין. און דער תכלית פון דעם? אז זיי זאלן אים פאלגן. און פון דעם? אז זיי זאלן זיך נישט מזיק זיין איינער דעם צווייטן. און פון דעם? אזוי קען מען פרעגן אויף יעדער זאך אין דער וועלט ביז אין סוף.

דאס זעלבע, זאגט דער רמב"ם (אין חלק ג', פרק י"ג), אז מען וועט זאגן אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן צוליב דעם מענטש. און דער מענטש? ער זאל זיין עובד השם? און דער תכלית פון דעם? קען מען דאך נישט זאגן אז דער



אויבערשטער האט עפעס פון דעם. וויבאלד דאס הייסט אז דער אויבערשטער דארף צוקומען צו עפעס, איז ער דאך נישט שלם בתכלית השלימות נאר האט א חסרון, וועט מען מוזן זאגן אז דער תכלית איז אז דער מענטש זאל צוקומען צו שלימות. נו, און דער תכלית פון דעם?

למעשה, פירט דער רמב"ם אויס, האבן מיר נישט קיין תירוץ נאר צו זאגן, "אזוי האט דער אויבערשטער געוואלט," אדער "כך גזרה חכמתו." אין אנדערע ווערטער: מיר ווייסן נישט. מיר ווייסן נאר אז אזוי האט דער אויבערשטער געוואלט, וויבאלד צום סוף קומט מען אלץ אן צו דעם. קומט אויס אז שיטת הרמב"ם איז אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט "ווייל ער האט געוואלט," און מער פון דעם קען מען בהכרח נישט זאגן.

אגב, אן אינטערעסאנטע מעשה דערציילט מען אין בריסק, אז ווען ר' חיים בריסקער האט געלערנט דעם "תניא", און האט געזען אז דארט שטייט אז דער טעם הבריאה איז ווייל "נתאווה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים," האט ער זיך אנגערופן, "ניין, דער טעם הבריאה איז נישט פאר דעם, אדער למען טובו ווי אנדערע זאגן, נאר ברצונו." דאס הייסט, דאס איז נישט געווען א תאווה מיט א געוויסן ציל, נאר אזוי האט ער געוואלט, אן קיין פארוואס. דאס הייסט אז ר' חיים האט אנגענומען דעם רמב"מ'ס שיטה אויף למעשה.

עס איז אבער דא א טיפן קנייטש מוסיף צו זיין דא, אז אין א טיפערן זין שטימט דווקא יא דער רמב"ם מיט דעם פשטות פון דברי חז"ל אז די וועלט איז באשאפן געווארן צוליב עבודת השם.

דער רמב"ם זאגט אז נאך אלע פשט'לעך האט די וועלט למעשה אין תכלית, און דער תכלית איז גאט. ווי זיין לשון (אין ח"א, ס"ט): "שהוא יתעלה הוא התכלית האחרונה של כל דבר." אויב ליינט מען דאס אויף מער א פאעטישן אופן, איז דאס ממש דער טיפער מכוון פון עבודת השם. דהיינו, עצמותו יתעלה - אן צולייגן קיין ווארט. נאר נישט באופן פשוט אז גאט האט עפעס פון מענטשן וואס דינען אים, נאר טאקע גאט אליין. און ווי מיר וועלן מסביר זיין ווייטער האט דאס נאך א טיפערן באדייט וואס מען קען דא אריינלערנען. דער רמב"ם אליין זאגט אז דאס איז טייטש אין פסוק "כל פעל השם למענהו". פאר אים — דער פועל, דער אויבערשטער — אליין.

א צווייטער פשט זאגט דער רמב"ם אין דעם פסוק "כל פעל השם למענהו," אז "למענהו" גייט גאר אויף דער פעול — דער נברא וואס איז באשאפן געווארן. דאס איז ווייל דער רמב"ם איז מאריך דארט מוכיח צו זיין אז מען קען נישט זאגן אז קיין שום נברא איז באשאפן געווארן צוליב אן אנדערע נברא, וויבאלד דער אויבערשטער וואלט דאך געקענט פונקט אזוי מאכן דעם נברא אן דעם וואס ער זאל דארפן דעם צווייטן, איז דאס דאך נישט קיין גוטער טעם. נאר די מטרה פון יעדער זאך איז אים אליין. און דאס איז טייטש למענהו, פאר אים, דער פעול, נישט פאר קיין צווייטן. לויט דעם טייטש זאגט זיך אז די סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט באשאפן די גאנצע וועלט, איז כדי עס זאל זיין די גאנצע וועלט. דהיינו ווייל דאס האט ער געוואלט, אבער נישט לצורך דבר אחר, נאר



טאקע דאס האט ער געוואלט. און דאס איז אויך א הקדמה פאר א טיפערן פארשטאנד וואס מיר וועלן מסביר זיין ווייטער. (ועיין "באר הגולה" למהר"ל, באר רביעי, בד"ה "הרי לך מצוות תפילין".)

- ד -

## דעת רס"ג: להיטיב הטבה גמורה

רב סעדיה גאון אין זיין ספר אמונות ודעות (מאמר ראשון פרק ד'), נאכדעם וואס ער איז מוכיח חידוש העולם, גיט דריי מעגליכקייטן וואס קענען זיין די סיבה פארוואס גאט האט באשאפן די וועלט:

א) אן א סיבה. דאס איז בעצם די זעלבע ווי שיטת הרמב"ם. רס"ג איז מסביר אז דאס מיינט נישט אז די וועלט איז באשאפן לבטלה, ווייל אנדערש ווי א מענטש וואס ווען ער טוט א זאך אן וויסן א סיבה איז דאס לבטלה, ווייסט דאך דער אויבערשטער פארוואס ער וויל. (דער אמת איז אז אויב איז דא א "פארוואס" איז דאך עס לכאורה נישט אן א סיבה. אבער דאס זאגט דער רס"ג, ויש לעיין.)

ב) צו באווייזן זיין מעגליכקייט און שטארקייט פאר מענטשן, ווי עס שטייט "להודיע לבני האדם גבורותיו."

ג) כדי צו מטיב זיין צו די נבראים מיט זיינע מצוות.

אין דער פתיחה צו מאמר שלישי, איז רס"ג מרחיב אויף דעם דריטן טעם, להיטיב לבריותיו. מען דארף פרעגן פארוואס נעמט דער רס"ג דארט אן דעם דריטן טעם דווקא, בשעת אין מאמר ראשון האט ער געגעבן דריי אפציעס. דער תירוץ אויף דעם קען זיין וויבאלד דער דריטער מאמר איז עוסק אין די תורה ומצוות, און דער טעם איז זיך מתייחס צו דעם. אין אנדערע ווערטער, דאס איז אמאל זיכער אז די תורה איז א חלק פון דער הטבה וואס דער אויבערשטער גיט פאר מענטשן. אפילו דאס איז נישט דער כלל טעם הבריאה, איז נאכאלץ וויכטיג צו פארשטיין די הטבה. ענליך צו וואס מיר האבן מסביר געווען אויבן, קען לעולם זיין אז רס"ג האלט נישט דווקא אז דאס איז דער גאנצער טעם הבריאה וועגן דער רמב"ם'ס קשיא אז מען קען גלייך פרעגן וואס איז דער טעם פון דעם, אבער דאך מצד די תורה גופא קומט ער מסביר צו זיין דער חלק פון סיבת הבריאה וואס איז למען ההטבה.

רס"ג זאגט דארט אז גלייך ווי מען זאגט פאר דעם מענטש דעם טעם, פרעגט ער גלייך די קשיא פארוואס גיט נישט דער אויבערשטער גלייך שכר, און צו וואס דארף מען אנקומען צו דער תורה אינצווישן. אויף דעם גיט דער רס"ג דער תירוץ וואס וועט שפעטער ווערן באקאנט אלס "נהמא דכיסופא". ובלשונו, "שהשכל מחייב, שכל מי שהשיג טוב על מעשה שעשה מגיע לו כפלים ממה שמגיע מן הטוב, למי שלא עשה כלום, אלא שנתנו לו בחסד," און דערפאר האט דער אויבערשטער אויסגעשטעלט דעם סדר, כדי מיר זאלן האבן די בעסטע הטבה, וואס איז דווקא ווען א מענטש באקומט דאס וואס עס קומט זיך אים בדין און נישט בחסד.

אסאך ראשונים ואחרונים האבן אנגענומען דעם טעם אלס דער עיקר טעם, און האבן מרחיב געווען און דן געווען אין דעם. פון די אחרונים

איז בראשם דער רמח"ל וואס האט מרחיב געווען אין דעם אין "דעת תבונות" און "דרך השם". דער ערשטער וואס איך האב געטראפן וואס נוצט די ווערטער "נהמא דכיסופא" איז דער "מגיד מישרים" פונעם בית יוסף, פרשת בראשית, ד"ה "אור ליום השבת י"ד לטבת." דער זוהר און אריז"ל האבן מרחיב געווען בעיקר אין דעם גאנג פון דעם צווייטן טעם פון רס"ג, אז עס איז כדי להודיע גבורותיו, אדער להוציא לאור שלימות פעולותיו, און עוד חזון למועד עוסק צו זיין אין יענעם טעם.

- ה -

## נהמא דכיסופא

דורכצוגיין אלע ספרים וואס ברענגען דעם טעם פון נהמא דכיסופא און פארשטיין יעדנ'ס הבנה אין דעם, און די קשיות און תירוצים, וועט זיין צו א גרויסער אריכות און פעלט נישט אויס לעניננו. וויל איך נאר פראבירן מסביר צו זיין א מהלך, וואס איז געבויט מלוקט פון דברי רמח"ל און הרב אשלג ז"ל בעל הסולם, און אנדערע, בתוספת הבהרה, באופן וואס גיט דעם הסבר א הבנה און פארענטפערט די פשוט'ע קשיות וואס איז דא אויף דעם. איך ווייס נישט וויפיל מען קען דאס אריינלערנען אין דעם רס"ג אליין, אבער דאס איז לכאורה דער מכוון פון די אחרונים און מקובלים וואס ברענגען דעם טעם.

די ערשטע הקדמה איז לגבי דאס וואס עס שטייט אין די ספרים דער לשון "בושה", אדער ווי דער רמח"ל איז מסמיך צו דעם דער לשון הירושלמי (ערלה א', ג') "מאן דאכיל דלאו דיליה בהית לאסתכולי באפיה" - וואו דער ירושלמי זאגט אז א בוים וואס איז יונק פון א צווייטן בוים דרייט זיך אויס דעם פנים, וויבאלד ווער עס עסט פון א צווייטן בחינם שעמט זיך אים צו קוקן אין פנים. דער פשט פון "בושה" איז גורם אסאך פון דעם חוסר הבנה אין דעם. אוודאי טאמער וואלט מען גערעדט פשוט פון דער תכונת הבושה וואס מענטשן האבן פון איינעם וואס זיי זענען מקבל פון יענעם, איז די גרינגסטע זאך צו פרעגן אז זאל דער אויבערשטער מבטל זיין די מידת הבושה און שלום על ישראל. און בכלל וואס איז דער אויפטו פון געבן שכר דווקא נאכדעם וואס עס "קומט זיך" פאר דעם מענטש וואס דעמאלט וועט דער מענטש זיך נישט שעמען, דער אויבערשטער איז דאך באמת קיינעם גארנישט שולדיג אפילו נאך אלעס, און טאקע צדיקים מבקשים מתנת חנם? איז בכל אופן דארף מען זיך אן עצה געבן מיט דער "בושה".

נאך מער איז שווער, די בושה איז שייך פון איין מענטש צום צווייטן, וואס דער מענטש וואס באקומט די מתנת חינם שפירט ווי א לא יצלח אז ער מוז אנקומען צום אנדערן. אבער כלפי דעם בורא, וואס איז שייך דער בושה, אלע נבראים מוזן בהכרח צוקומען צו אים און עס איז נישטא קיין מעגליכקייט אנדערש, איז וואספארא בושה איז דא אין דעם בכלל?

דער תירוץ אויף דעם איז אז אין הכי נמי, די בושה דא איז נאר א שם המושאל אדער א משל צו מאכן דעם מושג פשוט'ער צו פארשטיין. אבער בעצם רעדט מען נישט פון דער געווענליכער מידת הבושה בכלל. אלא מאי וואס מיינט מען דא? דא מיינט מען דעם עצם מציאות פון דער נברא אין דעם וואס ער איז א נברא און איז אפגעטיילט פון דעם בורא בתכלית הפירוד, וויבאלד עס זענען נישטא קיין גרעסערע צוויי הפכים פון בורא מיט נברא. דער פראבלעם וואס רופט זיך נהמא דכיסופא, איז דער עצם פראבלעם וואס א נברא וועט אייביג זיין א נברא און א בורא וועט אייביג זיין א בורא, און איבער דעם תהום צווישן זיי איז נאכנישט דא קיין שום בריק וואס קען זיי פארבינדן. דאס הייסט אז דער בורא איז א בורא און דער נברא איז א נברא, אדער אין אן אנדערן משל, דער בורא איז א משפיע און דער נברא איז א מקבל, וואס דאס איז דער מהות פון בורא אז ער איז דער מקור און ער גיט דעם מציאות פאר דעם נברא, און דער נברא האט נישט קיין קיום אין זיין עקזיסטענץ מצד עצמו, נאר מצד דעם בורא. דאס איז די טיפסטע בושה וואס איז שייך אין דער וועלט, וואס "בושה", די מידת הבושה, איז נאר א משל אויף דעם.

דאס הייסט אז קיין שום נברא קען קיינמאל נישט האבן דער עצמיות, דער מציאות, דער קיום, די זיכערקייט אין זיין מציאות, וואס איז בדומה צו דעם בורא. זיין מציאות איז אלעמאל חסר. עס איז בעצם קיין מציאות נישט. ער איז א נצרך צו דעם בורא אין דעם טיפסטן זין פון ווארט. דער נצרכות פון נברא צו בורא איז באין ערוך פון דער נצרכות פון אן ארימאן פאר דעם עושר. ווייל דער ארימאן

דארף בסך הכל ברויט פון דעם עושר, אבער זיין מציאות זעלבסט שטייט שוין זעלבסטשטענדיג פאר זיך. ווידעראום דער נברא ווי ער איז א נברא כלפי דעם בורא, האט ממש גארנישט פאר זיך, ער איז גארנישט כפשוטו, און זיין גאנצער קיום איז אזא סארט קיום וואס דארף אנקומען צו א בורא. הייסט עס אז דער נברא'ס גאנצער קיום וועט אייביג זיין פעלעריג, חסר, נישט אמת'דיג, נישט שלימות'דיג, ביחס צו דעם מציאות הבורא.

פארוואס און פאר וועמען איז דאס בכלל א פראבלעם? ווער פינקטליך שטייט אויף אינדערפרי טרויעריג אז ער איז נישט קיין מציאות עצמית אזוווי דעם בורא? דאס איז טאקע דער שטויגענדער חידוש פון די מקובלים, אז א נברא האט נישט וואס צו זוכן קיין שום זאך נאר גאט אליין. אין אנדערע ווערטער, דאס איז פשוט וואס יעדער ווייסט און וואס שטייט אין אלע ספרים אז אלע תענוגים וואס מען קען געבן פאר א מענטש אין עולם הזה זענען בטל ומבוטל כאין וכאפס, יפה שעה אחת של קורת רוח בעולם הבא מכל חיי העולם הזה. דער איינציגער תענוג און הטבה וואס איז באמת שייך איז גאט אליין. דהיינו אים אליין כפשוטו ממש, וואס גאט'ס מציאות איז אמת ויציב וקיים וכו'. און ווי חז"ל זענען שוין מסביר אז עולם הבא באשטייט נאר פון "נהנים מזיו השכינה," דהיינו אז נבראים באקומען א חלק אין דעם מציאות הבורא.

ממילא, כל זמן וואס א מענטש קען נישט האבן דער סארט מציאות, וואס רופט זיך על שם המושאל "שכר", פון זיין א בורא, האט ער גארנישט. דאס איז ווי דער נחש האט געזאגט "והייתם כאלקים," דאס איז געווען די פיתוי און תאווה פון אדם הראשון אין גן עדן. דער מענטש האט נאר איין בקשה און איין תאווה, והייתם כאלקים. ביי אדם הראשון איז פון דעם רצון ארויסגעקומען א חטא (כפי שנבאר), אבער אין תיקון איז אויך אזוי, ווי עס שטייט, "ושכנתי בתוכם והייתי לכם לאלקים," און "והלכת בדרכיו, מה הוא אף אתה," אדער בלשון האריז"ל (ע"ח שער הכללים, פרק א') "כשעלה ברצונו וכו' ויזכו להיות מרכבה למעלה להדבק בו ית'."

צוויטנס, דאס איז דער זעלבער פראבלעם מצד דעם בורא (נישט אז מיר רעדן וועגן דעם טעם פון דעם בורא אליין, ווייל דאס איז נישט שייך, ווי פריער דערמאנט, נאר דא מיינט מען נאכדעם וואס מיר רעדן וועגן דעם טעם להיטיב). ווייל ווען דער בורא וויל געבן א הטבה פאר נבראים, מוז דאס דאך זיין אן אמת'ע הטבה. א פאלשע הטבה איז דאך גארנישט ווערד, און אן אמת'ע הטבה איז דאך נישט מעגליך אין דעם עולם הנבראים, וויבאלד אלע נבראים כולם כאחד זענען גארנישט כלפי דעם בורא, און אפילו דער בורא זאל געבן פאר יעדן נברא אלע עולמות, וועט דאס נישט אנפאנגען צו זיין בכלל א הטבה. ממילא איז די איינציגסטע הטבה וואס ער קען געבן ער אליין - זיין אייגענער מציאות. ווי דער לשון הרמח"ל אין "דרך השם" (חלק א', פרק ב'), "ובהיותו הוא לבדו ית' הטוב האמיתי, לא יסתפק חפצו הטוב אלא בהיותו מהנה לזולתו בטוב ההוא עצמו שהוא בו ית' מצד עצמו." און דא שטויסט זיך דער בורא אן מיט דעם פראבלעם פון נהמא דכיסופא.

וועט מען ווייטער פרעגן די אלטע קשיא, דער בורא איז דאך א כל יכול, זאל ער זיך אן עצה געבן מיט דעם פראבלעם און מאכן אזא מציאות וואו דאס קען יא זיין און שלום על ישראל. איז דער תירוץ אויף דעם צווייפאכיג, איינס: דער מושג פון "כל יכול" האט אויך א גבול. דאס ברענגט אונז צו דער סוגיא וואס מען רופט "נמנעות" [שאכמ"ל בשלימות], און ווי דער רמב"ם און אנדערע זענען מסביר, אז אפילו דער בורא איז א כל יכול, מיינט דאס נישט אז ער קען מאכן אז איינס זאל זיין צוויי, ווייל דאס איז פשוט א לאגישע סתירה מיניה וביה. און אפילו לויט די שיטות וואס דינגען זיך אויפ'ן רמב"ם און זאגן "היפלא מהשם דבר," און דער אויבערשטער קען מאכן א סתירה אויך, איז דאס נאר אויף זאכן וואס זענען נבראים. אבער צו זאגן אז דער אויבערשטער זאל מאכן א נברא וואס איז דער בורא, איז דאך א נארישקייט (וכן כתב הצמח צדק). ווייל אפילו זאל דער אויבערשטער מאכן א נברא וואס האט אלע מעלות פון דעם בורא, וועט אים איין זאך פעלן בהכרח, און די זאך איז דער עיקר פראבלעם אונזערער, אז דער נברא וועט בלייבן א נברא, און דער בורא וועט בלייבן א בורא. קומט אויס אז אפילו דער כל יכול קען זיך נישט ספראווען, כביכול, מיט דעם פראבלעם פון נהמא דכיסופא.

דער צווייטער תירוץ אויף דער קשיא "היפלא מה' דבר" איז אז אין הכי נמי, דער אויבערשטער

קען טאקע, אבער נישט אליין כביכול, נאר ער דארף אנקומען צו נבראים וואס זאלן דווקא זיין נפרד פון אים, און דייקא בעלי בחירה - וואס דאס איז טאקע דער הסבר פון 'נהמא דכיסופא', וואס זאגט אז דאס איז א זאך וואס כביכול קען נישט אליין, נאר ער דארף אנקומען צו דעם וואס עס זאלן זיין נבראים נפרדים און בעלי בחירה, וואס מיט דעם זענען זיי כביכול בדרגת בורא. קומט אויס אז כביכול האט טאקע באשאפן נאך א בורא. אדער מער קלאר, דער אויבערשטער האט באשאפן אזוינע נבראים וואס קענען בכח בחירתם אנקומען צו א מדרגה וואס איז געטליך און ווערן דבוק אין בורא.

פאראדאקסאליש זאגט די תורה פון "נהמא דכיסופא" אז דווקא דורך דעם וואס נבראים בעלי בחירה זענען נפרד אינגאנצן פון דעם בורא און שטייען ברשות עצמם אין א געוויסן זין, דווקא דורך דעם קענען זיי אנקומען צו א געטליכער מעלה. וויבאלד די הגדרה פון "בורא", האבן מיר דאך מסביר געווען, איז אז דער בורא באקומט זיין מציאות פון זיך, און דארף נישט אנקומען צו קיין צווייטן. דאס זעלבער איז דער נברא ווי ער שטייט אין דער וועלט בשעת ער דארף פאסן א באשלוס און די בחירה ליגט אין זיינע הענט, וואס דעמאלט איז בכלל נישט ניכר דארט אז ער האט א בורא, ווייל ער האט דאך א בחירה וואו ער קען טון וואס ער וויל און דעם וואס עס זאל זיין תלוי אין דעם בורא בכלל. דייקא דורך דעם באקומט דער נברא א מעלה וואס הייסט דבקות בבורא, אדער דערגרייכן א מדרגה אלוקית.

**ווי הרב אשלג איז שיין מסביר, דבקות הייסט צאמקלעבן, בגשמיות אז מען איז מקרב צוויי זאכן במקום אדער בזמן האסטו זיי צאמגעקלעבט. אבער ברוחניות, וואו עס איז נישטא קיין מקום אדער זמן, וואס מיינט דאס בכלל זיין נענטער צו גאט? ער האט דען א פלאץ וואו מען קען גיין? נאר עס מיינט צו זיין מער ענליך צו גאט בהגדרתו, וואס ביי מושגים מופשטים, ווי מער ענליך צוויי רוחניות'דיגע מושגים זענען אלס "נענטער" זענען זיי, און טאמער האבן צוויי מושגים ממש די זעלבע הגדרה זענען זיי איינס, ווייל עס איז נישטא וואס עס טיילט זיי נאר זייערע תכונות. ממילא, ווען מיר זאגן אז א נברא קען ווערן נאנט צו גאט, דבוק צו גאט, מאוחד מיט גאט, מיינט מען ער קען קונה זיין אזא תכונה אדער הגדרה וואס מיט דעם איז גאט מוגדר.**

- ו -

## הן האדם היה כאחד ממנו

און דאס איז דער מציאות פון דער בריאה, וואס דער בורא האט געמאכט א צמצום, דאס הייסט א מציאות וואו עס (זעט אויס ווי עס) איז נישט דא זיין מציאות בכלל. און עס זעט זיך בכלל נישט אויס ווי די נבראים זענען נצרך במציאותם צו א צווייטן, נאר די נבראים שטייען ווי א מציאות פאר זיך ממש, ווי כאילו זייער עקזיסטענץ איז נישט תלוי אין קיינעם (ענליך ווי דעם רמב"מ'ס צווייטן פשט אויף למענהו).

און נישט נאר דאס וואס דער עצם מציאות פון די נבראים און דעם מענטש זעען אויס ווי א מציאות וואס שטייט פאר זיך אינגאנצן, נאר אפילו אויף די מעשים פון דעם מענטש, האט דער



אויבערשטער געגעבן פאר א מענטש בחירה. וואס אויף דעם, זאגט דער רמב"ם, שטייט "הן האדם היה כאחד ממנו לדעת טוב ורע." די בחירה וואס א מענטש האט איז דאס וואס מאכט אים ווי א גאט. ווייל וואס איז דען די הגדרה פון בחירה? אז א מענטש קען טון א זאך וואס הייבט זיך אן פון אים, וואס עס איז נישטא קיין שום סיבה וואס איז אים מכריח צו טון אזוי צי אזוי. אפילו דער אויבערשטער אליין קען נישט צווינגען דעם בעל בחירה וואס צו טון, ווייל אויב יא איז עס דאך שוין נישט קיין בחירה.

קומט אויס אז דער נברא וואס געפינט זיך אין דעם עולם הצמצום, שטייט נישט אין קיין מציאות פון נהמא דכיסופא, ווייל עס דערקענט זיך נישט אויף זיין מציאות בכלל אז ער דארף אנקומען צו א בורא. און אין דער נקודה איז יעדער נברא שוין ווי ער איז באשאפן אין דעם עולם הנפרד דומה צו גאט אין זיין מציאות. און נאך מער און טיפער פון דעם ווען ער איז א בעל בחירה און טוט מעשים מכח די בחירה זיינע וואס איז נישט תלוי אין קיין שום זאך, דאן זענען די מעשים געטליכע מעשים וויבאלד זיי טראגן די תכונה אלוקית פון נישט זיין קיין נהמא דכיסופא און נישט זיין שולדיג גארנישט פאר קיינעם. אויב אזוי וועלן מיר פארשטיין אז עס קומט אויס אז דער שכר וואס מען רעדט פון וואס איז א נהמא דכיסופא, איז נישט (נאר) דער שכר וואס מען באקומט נאך דעם עולם המעשה אויף יענער וועלט, נאר דער שכר איז גופא דאס וואס א מענטש שטייט זעלבסטשטענדיג און איז א בוחר.

דא קען אפילו אויסזען אז ווי ווייניגער א מענטש טוט דעם רצון השם, אלס מער באווייזט ער זיין זעלבסטשטענדיגקייט. און אלס מער ווייזט ער אז זיין מציאות און זיין בחירה זענען נישט תלוי און גארנישט הערן זיך אליין, און אלס מער ווייזט ער אז ער איז ווי א גאט. און דאס איז טאקע געווען די פיתוי פון דעם נחש וואס האט געזאגט פאר חוה "והייתם כאלקים" - אז איך ווער עובד זיין אויף גאט'ס מצווה, ערשט דעמאלט וועל איך זיך שפירן ווי א גאט וואס האט נישט קיינעם וואס זאל אים זאגן וואס צו טון. טאקע זייט דעמאלט זענען אדם און חוה נתגרש געווארן פון גן עדן און עס שפירט זיך מער און מער דער פירוד פון דעם נברא און דעם בורא. אבער זייער טעות איז געווען אז פאר דעם זענען זיי אויך געווען כאלקים, ווי ס'שטייט בפירוש "בצלם אלקים ברא אותם," ועוד, זיי האבן נישט געהאט קיין נהמא דכיסופא, ווי עס שטייט "ולא יתבוששו." און אזוי וואלטן זיי געקענט בלייבן אין גן עדן, אן דארפן זוכן דעם גראבן געפיל פון זיין א נברא וואס קען אליין מחליט זיין פאר זיך - פונקט ווי דער אויבערשטער אליין איז דאך דער גאט באמת לאמיתו, און ער זוכט נישט צו באווייזן איבעראל זיין זעלבסטשטענדיגקייט, אדרבה במקום גדולתו שם אתה מוצא ענוותנותו, און ער האט טאקע געמאכט די וועלט באופן וואס ווייזט דאס נישט, און ווייזט דווקא ווי כאילו ער קען נישט אליין. די חטא איז נאר געווען דער דקות פון דעם וואס זיי האבן געזוכט זיך צו באווייזן כאילו, צו פילן ממש מוחש'דיג און גראב אז זיי קענען טון וואס זיי ווילן, און על דרך זה זענען טאקע אויך אלע חטאים וואס מענטשן טוען.

דורך דעם וואס א מענטש שטייט אין דער

וועלט, ווי אן עומד לעצמו אן דארפן אנקומען אפילו צו דעם בורא, און אזוי, פון זיך אליין, זוכט ער געטליכקייט, אזוי באקומט ער ממש געטליכקייט וואס באלאנגט פאר אים, וואס הייבט זיך אן פון אים. און אזוי, אפילו ווען ער קומט אן צו עולם הבא, וואס דארט איז א וועלט וואו עס איז נישט דא אזא שטארקע הסתרה, און עס איז יא ניכר אז אלעס דארף אנקומען צו גאט, בלייבט ער נאכאלץ מיט א כח מקבל צו זיין דער מציאות אלוקות, וויבאלד ער האט שוין ביי זיך א מציאות וואס איז זעלבסטשטענדיג. דער מציאות וואס איז געווען אין עולם הזה איז ווי א כלי וואס דווקא דורך דעם וועט ער ווייטער מקבל זיין מציאות אלוקות בעולם הבא.

דאס איז דער נמשל פון די לבושים וואס מען האט געמאכט פאר אדם וחווה נאך זייער חטא. נאכדעם וואס זיי האבן געכאפט אז אויב וועט זיי זיין קלאר געטליכקייט ווי אין גן עדן וועט דאך זיין א שרעקליכע בושה, ווייל א נברא איז נישט קיין בורא אפילו ווען ער וויל, האבן זיי באקומען לבושים, וואס דאס איז די מעשים וואס א מענטש טוט בעולם הזה. פונקט ווי אין דעם משל גשמי היט א לבוש דעם מענטש פון דער בושה פון זיין נאקעדיגקייט, אזוי איז די בחירה וואס א מענטש טוט מיט דעם אין עולם הזה איז ווי א לבוש און כלי פון זעלבסטשטענדיגקייט וואס מיט דעם איז מען נהנה מזיו השכינה לעולם הבא. דאס איז וואס עס שטייט, "אלא צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה," וואס די עטרות, דאס מיינט דער כוח הרצון והבחירה וואס די צדיקים האבן מיט דעם בוחר געווען בעולם הזה, דווקא דורך זיי קענען זיי נהנה זיין מזיו השכינה להיות כמותו.

דאס איז וואס די גמרא זאגט (ברכות ח, א), "גדול הנהנה מיגיע כפיו יותר מירא שמים, שעל ירא שמים כתיב אשרי כל ירא השם, ועל נהנה מיגיע כפיו כתיב יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך. אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא." א ירא שמים איז דער וואס איז מכיר אז ער איז א נצרך לשמים, ער דארף אנקומען צום באשעפער. אים איז טאקע אשרי. אבער נישט פאר דעם האט מען באשאפן דעם עולם הזה און עולם הבא. דווקא דער נהנה מיגיעו, אפילו ער איז נישט דער גרעסטער ירא שמים, האט ער אבער א מציאות לכשעצמו, וואס איז דומה לו דער מציאות הבורא לכשעצמו, און טאקע וועגן דעם גדול הנהנה מיגיעו איז דא דער עולם הזה.

און אזוי איז אויך פארענטפערט די קשיא אז אויב איז די וועלט באשאפן צוליב שכר, וואס טוט מען מיט דעם פאקט אז רוב וועלט באשטייט לכאורה פון רשעים וואס באקומען נישט קיין שכר. דער תירוץ איז אז דער שכר מיינט נישט דער שכר נאר דער כוח הבחירה, און אפילו רשעים נוצן דעם כוח, און אדרבה ביי רשעים איז דאס מער ניכר, דאס איז וואס דער פסוק זאגט, "כל פעל השם למענהו וגם רשע," און יעדער באקומט מציאות אלוקות לויט זיינע אויסדערוועלטע מעשים. ■

